פ״נ

מרת גוענדל אשת ר׳
א״ה שטרויס ז״ל בת מהר״ר
יצחק אריה ווארמזער המכונ׳
זעקל ליב זצוקל״ל רב דק״ק מיכעל-
שטאדט.

עד הגל הזה ועדה המצבה
על אשה כגפן פוריה.
דעת ד׳ אותה נפשה
נכספה גם כלתה לשמוע תורה
כפ׳ פרש׳ לעני ולאביון שלח׳ ידיה
והצניע׳ לכת עם ד׳ כל ימי מגוריה
על כן כבדוהו כל מכיריה
ויהללו בשערים מעשיה ודרכיה.
מתה בש״ט ביום א׳ ז׳ אדר ראשון
תרל״ח לפ״ק ונקברת בכבוד גדול
ביום ב׳ ח׳ בו.

תנצב״ה

Dieses Buch gehört

Krendel Strauss

[illegible]

[illegible]

[illegible]

צאינה וראינה

בני

[illegible]

[illegible]

# חמשה חומשי תורה

מגילות והפטרות

בלשון אשכנז

# צאינה וראינה

## בנות ציון בעטרה

**שעיטר** לכם איש חי רב פעלים אשר פעל ועשה פירש על התורה מעולם לא נשמע ולא נהיה כמוהו · ה׳ האיר את רוחו לאמר לו כה תאמר לבית יעקב אלו הנשים בלשון רכה לסבר את האוזן כפי מה שהוא גם כי איש אשר ששת ימים יעבור להביא טרף אל ביתו וביום השביעי ישבות למצוא מרגוע לנפשו בקראו בספר הזה אמלאה הארץ דיעה · אשר אזן חקר ותקן האלוף החסיר הר״ר יעקב בן הר״ר יצחק ז״ל ממשפחת רבינו אשר נטה אהלו לשבת בק״ק יאנווא :

**ראשון** תחלה נאמר כאשר שנדפס ספר הלז על ידי אבי״ו המנוח כהר״ר זלמן וצ״ל זה זמן ומנים טובא משמע · ואינם בנמצאים רק אחד בעיר ושנים במשפחה · והמה כרמי יקרים · אשר אין כל יד משגת לקנות ובאים אלי כמה אנשים ונשים ומבקשים מאתי להדפיס ספר הלז מחדש · בכן הסכמתי למלאות רצון המבקשים והקדמתי נעשה לנשמע כדי לזכות את הרבים ולהרביץ תורה ולהאדירה · ולא לגרוע אלא להסיף באתי · כאותיות חדשות ובציורים נאים ובהג״ה · ובנייר לבן · וכריו שחור כאשר עיניכם החזינה משרים ·

---

# בזולצבאך


**Cum Licentia**

**SERENISIMI DOMINE ELECTORIS PALATINI,**

**quà Tutoris, & AdministratorisDucatùs Solisbacensis.**

בשנת צאינה וראינה **בנות ציון** לפ״ק :

בבית ובדפוס כהר״ר זעקל יצ״ו : בן כהר״ר אהרן ז״ל

# בְּרֵאשִׁית

בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ אן ערשטן טג בשאפט
הקב"ה היאל אונ' ערד אונ' די ערד וואר וויסט אונ' לער פינסטר
אויף דען אב גרונד אונ' דר (כסא הכבוד) פון הקב"ה דער איז
גשטאנדן אין לופטן איבר די וואסר · אונ' ווארום הט די תורה
אן גהובן איט דר (בית) · עס לערנט אונז וויא איז איין (בית)
הט דרייא זייטן די צו זיין אונ' דיא פירדי וואנט איז אופן אזו איז
אויך די וועלט דרייא זייטן הט הקב"ה צו גמאכט אונ' דיא וואנט
פון צפון הט הקב"ה קיין היאל· מרטן גמאכט דר ווארדן הקב"ה
וואל זאגן צו די לייט זאלט קומן אייערי געטר אונ' לאז מאכן דיא
פירדי וואנט דען איר הט זי גהאלטן פר איין גאט פר וואלט זי אוב
זי עפיס קענן · נאך איין פשט איז די (בית) איז ברכה אונ' דיא
(אלף) איז ארור וקללה) דרום הט גאט אן גהובן איט דר (בית
אונ' די (אלף) איז גפלוגן פר הקב"ה אונ' הט גזאגט היב איט
מיר אן די תורה איך בין דז ערשטי אות אין (אלף בית) דא הט
גאט גזאגט אויף דען בערג סיני ווער איך געבן דיא (עשרת
הדברות) וויל איך אן היבן איט דר (אלף אנכי ה' אלהיך) אונ' די
תורה הט דרום אן גהובן איט דעם ווארט פון (בראשית) ער
לערנט אונז די וועלט איז בשאפן פון וועגן דר תורה דידא הייסט
(ראשית דרכו) אונ' פון וועגן ישראל דיא דא הייסן (ראשית
תבואתו) · ער זאגט רבי יצחק ווארום הט אונז דיא תורה אן
גשריבן וויא גאט די וועלט הט בשאפן · דר וויל די תורה אייטל
אייטל אלות נייארט די עובדי כוכבים ומזלות דיא ווערן זאגן צו
ישראל ווארום נעמט איר איין ארץ ישראל אונ' גזלת דש לאנד דא
ווערן ישראל ענטפרן הקב"ה הט בשאפן די וועלט ער מאג זיא
געבן וועם ער וויל · אונזרי חכמים האבן גזאגט פון דרייארלייא
וועגן הט גאט בשאפן די וועלט פון וועגן דיא תורה דיא הייסט
(ראשית דרכו) אונ' פון וועגן די קרבנות דיא אן האט געבראכט
אין דס בית המקדש דס הייסט (ראשית) דרום וויל דאס בית
המקדש איז ווארן פאר בשאפן עהנדר די וועלט איז ווארן בשאפן
אונ' דס דריטי איז די וועלט איז ווארן בשאפן פון וועגן צדקה אונ'
מעשרות) דידא הייסן (ראשית דגנך) אונ' דרום וויל דיא
תורה האט גוויזן אויף דאס בית המקדש אין דען ערשטן פסוק
דרום ווייזט ער אונז וויא עס ווערט חרוב ווערן דרום זאגט ער
והארץ היתה תוהו ובוהו די ערד ווערט זיין פר וויסט דען
דיא שכינה ווערט זיך אב טאן אין חורבן דרום זאגט ער אלהים
ורוח אלהים מרחפת על פני המים דס ווייזט אונז ווען איר
ווערן זיין אין גלות דאך ווערט אונז די תורה ניט ווערן אב
טאן אונ' איר ווערן גלייך וואול די תורה הבן אין גלות אונ' דרום
זאגט ער אויף (ויאמר אלהים יהי אור) דס ווייזט אונז דס נאך
דעם גלות ווערט אונז גאט מאכן ליכט או ווערט אונז שיקן משיח
שטיט בייא אים גשריבן (קומי אורי כי בא אורך) דז איז טייטש
קום שטיא אויף דו ליכט אונ' לייכט אונז איט דיין ליכט די פרשה
לערנט אונז דס הקב"ה זאגט צו ישראל וויא עס איין ווערט גיין
אונ' דס די וועלט איז ווארן בשאפן וועגן משיח · ויאמר אלהים
יהי אור ויהי אור הקב"ה דר הט גוויא ליכט בשאפן דס איינ
ליכט איז די זון אונ' דס אנדרי איז די לבנה די לייכטן אויף דען
עולם · אונ' ווידר איין ליכט הט הש"י בשאפן דען צדיקים ווען
משיח ווערט קומן דס זעלביג ליכט איז גאנץ גרוס נייארט דער
עולם הט ניט זוכה גוועזן צו אזו איין גרוס ליכט דרום האט הש"י
דס זעלביג ליכט בהאלטן דען צדיקים · ער זאגט (ר' שמעון) פינף
אמל שטיט גשריבן ליכט אין דר פרשה קיגן פינף חומשים דידא
זיין אין דר תורה דען די תורה איז גגליכן צו איינם ליכט דז ערשט
(יהי אור) איז קיגן (ספר בראשית) דס הקב"ה האט בשאפן
איט דעם ליכט די וועלט · דס אנדר אמל זאגט ער (ויהי אור)
איז קיגן (ספר שמות) דס ישראל זיין גגאנגן אויז גלות מצרים
פון דר פינסטרניש אין דז ליכט אונ' שטיט גשריבן בייא דר זעלביג
גאולה (ולכל בני ישראל היה אור במושבותם) · דס דריטי אמל
זאגט ער (וירא אלהים את האור) דס איז קיגן (ספר ויקרא)
דס איז אייטל (דינים אונ' הלכות) די לייכטן אז איין ליכט אונ' דר
נאך זאגט ער ויבדל אלהים בין האור דס איז קיגן (ספר
במדבר) דז זאגט אונז אלז וויא ישראל זיין ווארן אב גשיידן פון
מירי ביזי מעשים דס זיא פאר גהאט האבן אונ' דס פינפטי אמל
זאגט ער (ויקרא אלהים לאור יום) דס איז קיגן (ספר דברים)
דז איז אייטל (מצות אונ' הלכות) די לייכטן אז איין ליכט דז ווייזט
אונז עס זיין פינף ליכט · איין ליכט דז די וועלט איז ווארן בשאפן
דס אנדר ליכט איז די גאולה איז גלייך צו איין ליכט · דס דריטי
ליכט איז ווען איינר תשובה הט גטאן אזו איז עז איין ליכט גווארן
דז זעלביג איז (ספר ויקרא) דס זאגט פון קרבנות דז דר מענש
הט תשובה גטאן דס ער האט בקענט זייני עבירות בייא דען
קרבן · דס פירדי ליכט איז דס בית המקדש · דס פינפטי ליכט
איז דיא תורה אונ' מצות אונ' דר פסוק (יהי אור) לערנט אונז
דס פון ערן ליכט הט הקב"ה בשאפן די וועלט [illegible]
האט גזאגט (יהי אור) דא הט זיך אן גהובן די וועלט צו בשאפן
אונ' דס ווארט (יהי) האט אין דער צאל פינף אונ' צוואנציג דאס
ווייזט דס דיא וועלט האט זיך אן גהובן צו בשאפן פינף אונ'
צוואנציג טאג אין (אלול) · אונ' אז דיא גמרא זאגט אין
(תשרי) איז דיא וועלט בשאפן גווארן · כלומר אין תשרי
איז דיא וועלט ווארן אויז בשאפן דען (אדם הראשון) איז אן
(ראש השנה) בשאפן גווארן דס זעלביג איז אן (ראש חודש
תשרי) אונ' וויל (אדם הראשון) איז ווארן בשאפן דא איז
נון אויז גוועזן דיא בשעפנים פון דער גאנצי וועלט · דען אלי
דינג ווארן פאר בשאפן עהנדר (אדם הראשון) איז ווארן
בשאפן דער ווארדן דאס דער מענש זאל זיך ניט האפרטיג האלטן
ער זאל זעהן דיא בהמות אונ' חיות זיין בעסר אז דער מענש זיא
זיין פר אן ווארן בשאפן · נאך איין פשט איז דער מענש איז
ווארן נאך אלי בשעפנים בשאפן דער ווארדן דאס דער
מענש זאל אלז געפינדן אן בירייט · (ויקרא אלהים לאור יום

